# סצענע 11 א'
## Escena 11 A

### ערב- שבת
### Antes de Shabes

באָבע - וויפֿל מענטשן וועלן היַינט אין אָוונט קומען צו דיר, רייזל ?

רייזל - אויף אָוונטברויט וועלן קומען מאָטל (מיַין חתן !!!) מיט זיַין פֿאַמיליע... פֿיר. דו און מיַין זיידע, צוויי. מיַין פֿאַמיליע מיר זיַינען איצט דריַי... ממם, איך בענק נאָך מענדעלען. ער איז אַוועקגעפֿאָרן לערנען...

גאָלדע - יאָ, איך בענק אויך נאָך אים...

רייזל - אַלע צוזאַמען זיַינען מיר ניַין.

גאָלדע - רייזל, צום נאָכשפּיַיז וועלן אויך קומען דיַין פֿעטער, דעם פֿאָטערס ברודער מרדכי-יאַנקל, מיט זיַין וויַיב די מומע מאַשע.

באָבע - מרדכי-יאַנקל, דער פּרעסער ? אוי, עס וועט נישט זיַין גענוג עסן !

גאָלדע - זאָרג זיך נישט, מאַמע. מרדכי-יאַנקל איז אַ פּרעסער, אָבער ער קומט נאָר צום נאָכשפּיַיז. און מענדל איז נישטאָ... עסן וועט זיַין גענוג פֿאַר אַלעמען !!!

באָבע - און זיי וועלן אויך ברענגען זייערע קינדער ?

רייזל - מיַין קוזין איטשעלע און מיַין קוזינע פֿריידל ?

גאָלדע - יאָ, יאָ, זיי וועלן אַלע קומען. היַינט אין אָוונט וועלן מיר האָבן נישט נאָר אַ שבתדיקע סעודה, עס וועט זיַין זייער אַ וויכטיקע שבתדיקע סעודה ...

באָבע - עס איז אַ פֿרייד אַז מיר זאָלן אַלע זיַין צוזאַמען. היַינט אין אָוונט וועסטו ווערן אַ כלה, רייזעלע...

רייזל - אָבער איטשעלע און פֿריידל וועלן האַקן אַ טשיײַניק אַ גאַנצע נאַכט, און די סעודה וועט זײַן אַ גאַנצע גראַטשקע. איך האָב געוואָלט עפּעס קליין, אינטים...

גאָלדע - ניין, ניין, רייזעלע. נישט קליין און נישט אינטים. הײַנט מוז די גאַנצע משפּחה זײַן צוזאַמען: דײַן שוועד בערל, דײַן שוויגער גיטל, דײַן שוועגערין ציווקע, דײַן פֿעטער מרדכי-יאַנקל, דײַן מומע מאַשע, דײַן קוזין אונדײַן קוזינע דער זיידע מיט דער באָבען, טאַטע-מאַמע, און... דײַן חתן... דײַן חתן מאָטל!!!

באָבע - אוי, הײַנט אין אָוונט וועט די משפּחה גרעסער ווערן. אוי אוי אוי טפֿו, טפֿו, טפֿו. מײַן אייניקל ווערט אַ כּלה. איך בין אַזוי צופֿרידן !

רייזל - אויב דו ביסט צופֿרידן,טאָ פֿאַרוואָס וויינסטו באָבע ?

באָבע - אוי רייזעלע, רייזעלע, איך דערמאָן זיך ווען איך אַליין בין אַ כּלה געוואָרן דאָרטן, אין דער אַלטער היים...